בלומינג גראוו
# שטימע
BLOOMING GROVE VOICE
די פאַראייניגטע 'שטימע' פון תושבי 'בלומינג גראָוו' והגלילות
פסח תשפ"ו


### היסטאָרישער אַנטוויקלונג אין סאַוט בלומינג גראָוו:
# היימישע "פייער דעפּאַרטמענט" טרעט אַריין אין פולקאָמען דינסט

**גייסטרייכע שטימונג ביי איינדרוקספולן 'מעמד פּתיחת שערים' דעם פאַרלאָפענעם זונטאָג צו העעל"ט**

ווילעדזש ערהאלט 'סטעיט גרענט' פאר אינזשענירונג און דעזיין אנצוהייבן אויסברייטערן דעם רוט 208

מעכטיגער זיג פאַר'ן ווילידזש און סאוט בלומינג גראָוו און היימישע דעוועלאפערס פון שכונת דברי חיים!

הרחבת גבולי הקדושה אפדעיט! איילענד עסטעיטס דעוועלאָפּמענט שפּאַנט פאָראויס נאָכ'ן ערהאַלטן 'סייט פּלען' עפּראוועלס

בשורה טובה ומשמחת! די סיידוואלק פאנדינג איז אפיציעל באשטעטיגט!

## הכנסת אורחים ליסטע

וישימו עליו שרי מיסים

## פראַפּערטי טעקס שטייערן; וואָס איז דער פּלאַן?



## באַריכטן און נאָטיצן

מהנעשה והנשמע אין די ווילעדזש גרעניצן במשך דעם פארלאפענעם ווינטער תשפ"ו העעל"ט

**חג כשר ושמח פאר אלע תושבים און גאנץ כלל ישראל**

## היסטאָרישער אַנטוויקלונג אין סאַוט בלומינג גראָוו:

# היימישע "פייער דעפּאַרטמענט" טרעט אַריין אין פולקאָמען דינסט

**נאָך יאָרן פון פאַרנאַכלעסיגטע רעאַקציעס און עגמת נפש, ווערט בעז"ה באַנייט די זיכערהייט פון בלומינג גראָוו מיט'ן ערעפענונג פון אַ אייגענע "ווילעדזש פייער דעפּאַרטמענט" געבויט אויף יסודות פון חסד, הלכה, און 'אַ אידיש האַרץ'**

**'הכרת הטוב' אויסגעדרוקט פאר היימישע דעוועלאָפּער און אינוועסטירער, נדיבים בעם, וועלכע האָבן זיך צוגעשטעלט מיט שווערע מיליאָנען פאר קאָסטבאַרע עקוויפּמענט להחיות עם רב**

דעם פאַרלאָפענעם זונטאָג פּרשת צו העעל"ט איז היסטאָריע געטוישט געוואָרן אין בלומינג גראָוו, ווען מען האָט בעז"ה אָפּגעצייכנט דעם אומגלויבליכן מאָמענט אויף וואָס מ'וואַרט שוין לאַנגע יאָרן, ווען ס'איז אָפיציעל אַריינגעגאַנגען אין דינסט און ערעפנט געוואָרן די טויערן פון דעם שפּאָגל ניי-געגרינדעטן 'ווילידזש פייער דעפּאַרטמענט', ברוב סייעתא דשמיא, כה יתן ה' וכה יוסיף.

שטייענדיג ביי אַזאַ מייל-שטיין דערגרייכונג בקורות דברי ימי העיר, זענען זיך צוזאַמענגעקומען ביי אַ דערהויבענע מסיבה נהדרה, די טייערע וואָלונטירן און געטרייע שטאַב פונעם פייער דעפּאַרטמענט; די ראשי העיר ועסקני יו. דזשעי. סי.; די איבערגעגעבענע ווילעדזש טראָסטיס און באאמטע, די חשוב'ע נדיבי לב וועלכע האָבן געספּאַנסערט די עקוויפּמענטס און אַפּאַראַטן; אינאיינעם מיט'ן רב המכשיר שליט"א - יחד כולם הודו והמליכו, צו פייערן אינאיינעם דעם שבח והודאה להשי"ת אויף דעם גרויסן דורכברוך וואָס וועט בלי ספק דראַסטיש טוישן די רואיגקייט און סטאַביליטעט פון די הונדערטער תושבים פאר די צוקונפטיגע לאַנגע יאָרן, עד ביאת הגואל.

## אַן עבר פון עגמת נפש און שאָדנס

ווי דער ציבור געדענקט גוט, האָט מען צו לאַנג און צו פיל יאָרן געליטן פון אומבאַשרייבליכע נזקים, פחדים און עגמת נפש, אין רעזולטאַט פון דעם שלאַבערישן אַלטן דעפּאַרטמענט וועלכע האָט פונקציאָנירט אויף גאר א פארשלעפטן פארמאט, און יעדעס מאָל באַזונדער, ווען ס'איז געקומען צו סיי וועלכע ערנסטע פייער, זענען די רעזולטאַטן געווען פאַטאַל ל"ע.

אויסערדעם וואָס אין די לעצטערע 3-4 יאָרן, זענען געווען עטליכע פאַטאַליטעטן צוליב דעם וואָס הילף איז נישט אָנגעקומען צייטליך אָדער געהעריג, איז דער מציאות געווען אַז אפילו ווען זיי זענען שוין יאָ אָנגעקומען צו אַ פייער סצענע האָט זיך דאָס געווענליך געענדיגט מיט שווערע שאָדן פון אויפגעבראָכענע ווענט און פענסטער, אָן קיין שום נויט און געפיל, באַגלייט מיט אַ קאַלטקייט און האַרצלאָזיגקייט צו אידישע נכסים. ווען אין צוגאָב האָבן זיי נאָך איבערגעלאָזט אַ טוץ פון נישט- געשטויגענע ווייאלעישנס און מכלומר'שטע פאַרלעצונגען, קעגן דעם פאַר'צרה'טן היים אייגנטומער, וואָס זענען אַריינגעשיקט געוואָרן דורך די פייער-לעשער זעלבסט.

## ערשטע קערנדלעך פאַר אַן אייגענע דעפּאַרטמענט

מיט יעדן פארבייגענדן טאָג איז דער פאַרלאַנג געוואָרן מער קריטיש און וויכטיג, אַז עפּעס דראַסטיש דארף געטון ווערן אינעם גוטן ריכטונג. ווידעראַמאָל זענען עס געווען די איבערגעגעבענע עסקנים פון 'יו. דזשעי. סי.' וואָס האָבן אויף די בקשה פונעם ציבור, און בהדרכת רבני העיר שליט"א, זיך אַריינגעוואָרפן אין די שווערע אחריות'דיגע אויפגאַבע, און מ'האָט אָנגעהויבן לייגן די פונדאַמענטן פאַר אַן אייגענע פייער דעפּאַרטמענט. וואָס אירע יסודות זאלן זיין באַזירט אויף אַ אידיש האַרץ, אויפן דרך התורה ועפ"י הלכה - צו ראַטעווען לעבנס און שפּארן געלט פון אידישע קינדער מיט געפיל און אחריות, לויט די בעסטע מעגליכקייט וואס איז שייך.

ווי פאַרשטענדליך האָט די גרינדונג פון אַזאַ מאַסיווע אונטערנעמונג געפּאָדערט שווערע

פאר א פייער אדער גאז עמערז

מיליאָנען דאָלאַרן. אָבער ווי שטענדיג, ווען ס'קומט צו דער טובה פונעם ציבור, איז געלט קיין אָפּהאַלט נישט. די 'יו-דזשעי-סי' האָט זיך פאַרבינדן מיט היימישע דעוועלאָפּערס און אינוועסטירער, וועלכע בויען די צוקונפטיגע געגנטער בתוככי בלומינג גראָוו, און האָבן אַצינד בטוב לבם געענטפערט דעם וויכטיגן רוף, מיט ברייטהאַרציגע סכומים צו ערמעגליכן אַזאַ פּראָיעקט.

מיט אָט די הילף פון די נדיבים בעם האָט מען זיך פּאַקטיש אַריינגעלייגט צו אויסשטאַפירן דעם דעפּאַרטמענט מיט די סאַמע-מאָדערנסטע טעכנאָלאָגיע, די בעסטע און טייערסטע טראָקס, און די פאָרגעשריטנסטע עקוויפּמענט, אַפּאַראַטן, סיסטעמען און טעכנאלאגיע וואָס עקזיסטירן נאר, אַלעס כדי צו פאַרזיכערן אַז די רעטונגס אַרבעט זאָל קענען געטון ווערן שנעל, פּראָפּעסיאָנאַל, און מיט'ן מינימום היזק ממון און אודאי נישט קיין היזק נפשות חלילה.

## דער קאָמפּליצירטער לעגאַלער פּראָצעס

צו דער זעלבער צייט האבן זיך די ווילעדזש באַאַמטע אַריינגעלייגט אין דעם קאָמפּליצירטן לעגאַלן פּראָצעדור, ווען ס'האָט זיך געפאָדערט צוזאַמען צו ברענגען די קאַונטי, סטעיט, און פעדעראַלע רעגירונגען, אַז אַלע זאלן קאָאָפּערירן און פאַרזיכערן אַז זאַכן פאָרן אין דעם גוטן ריכטונג בעז"ה.

פּאַקטיש איז גרינדן א 'פייער דעפּאַרטמענט' נישט קיין זאַך וואס פּאַסירט יעדן מאָנטאג און דאָנערשטאג; דאָס לעצטע מאָל וואס א נייע דעפּאַרטמענט איז געגרינדעט געווארן אין אָראַנזש קאַונטי איז געווען די היימישע 'קרית יואל פייער דעפּאַרטמענט', מיט קרוב צו דרייסיג יאָר צוריק!

מ'האָט דעריבער געמוזט דורכגיין א לאַנגע און סענסיטיווע וועג פון ביוראָקראַטיע און מאַכינאַציעס, נאָך איידער מ'האָט אפילו אָנגעהויבן די טרענירונגען, כדי צו פאַרזיכערן אַז די נייע דעפּאַרטמענט ווערט אנערקענט אויף אויפ'ן לאָקאַלן, סטעיט און פעדעראַלן שטאפּל. דאס איז גאר וויכטיג סיי פאר די הויכע סטאנדארטן פון טרענירונג וואס די וואָלונטירן באַקומען, און סיי צו קענען באַקומען די נויטיגע רעגירונגס-גרענטס און אינשורענס פאַרלאַנגען.

ס'איז געווען מיט איינס און אַהאַלב יאָר צוריק, א' סליחות תשפ"ד, ווען נאָך לאַנגע מאָנאַטן פון שווערע אַרבעט פון די געטרייע עסקני העיר, איז די נייע דעפּאַרטמענט ב"ה לעגאַל באַשטעטיגט געוואָרן דורך די רעגירונג אַגענטורן, און מ'האָט אָנגעהויבן די נויטיגע סעריע פון טרענירונג קלאַסן פאר די געטרייע וואָלונטירן.

## על פי התורה אשר יורוך: דער הלכה'דיגער פונדאַמענט

דער שטאָלץ פונעם נייעם דעפּאַרטמענט ליגט אָן קיין צווייפל אין איר רוחניות'דיגער סטרוקטור. ווי שטענדיג איז די 'יו. דזשעי. סי.' געשטאַנען אין נאָענטע פאַרבינדונג מיט הגאוה"צ רבני עירינו שליט"א וועלכע האָבן אַראָפּגעשטעלט דעם ריכטיגן יסוד פאר דער אינסטיטוציע און האָבן באַגלייט יעדן שטאַפּל, ביז צו די קלענסטע דעטאלן, על פי התורה אשר יורוך!

ווידעראַמאָל האָט זיך ב"ה אַרויסגעשטעלט דער כח התורה וההוראה וואָס דאָמינירט בלומינג גראָוו מיום היווסדה, ווען יעדע דעטאַל פון דעם דעפּאַרטמענט ווערט געטון הונדערט פּראָצענטיג אויסגעהאַלטן לויט די אָנווייזונגען פון דעם דעת תורה הברורה, אָן קיין שום פקפוקים.

מטעם די רבני העיר שליט"א איז נתמנה געוואָרן הרה"ג ר' יואל יצחק שטערן שליט"א, דומ"ץ דינוב קרית יואל, צו פאַרפיגן בכח התורה והוראה אַלץ רב המכשיר ומשגיח אחראי, איבער די טרענירונגען און איבער אַלע טעכנישע אַנגעלעגנהייטן פון דער דעפּאַרטמענט.

אין לויף פון אַ גאנץ קיילעכיג יאָר האָט דער דיין שליט"א כסדר פאָרגעלערנט קלאָרע און דעטאַלירטע שיעורים פאר די צוקונפטיגע וואָלונטירן, וואו ס'איז ברייט אויסגעשמועסט געוואָרן בטוב טעם ודעת, די קאָמפּליצירטע הלכות וואָס איז נוגע פאר שבת, יום טוב, פסח, פיקוח נפש, א.א.וו. דער דיין שליט"א האָט פּערזענליך באַגלייט יעדן וואָלונטיר באַזונדער מיט הארץ און געפיל, צו פאַרזיכערן אַז אז אין יענע קריטישע סעקונדן, ווען מען דאַרף פאַסן בליץ-החלטות פון פיקוח נפש, זאָל יעדער מעמבער קלאָר וויסן די הלכה וואָס פאָדערט זיך צו טון אין אזא פאַל. באַזונדער האָט דער דיין שליט"א פאָרגעלערנט קאמפליצירטע שיעורים פאר די געטרייע 'פייער טשיף'ס' וואָס טראָגן דעם פולן אחריות פון דעם גאַנצן דעפּאַרטמענט.

## הזורעים בדמעה ברנה יקצורו; מעמד הבחינה וחלוקות תעודות

אַ יאָר דערויף, זונטאָג פּרשת תבא שנת תשפ"ה, איז פאָרגעקומען איינס פון די שענסטע קאַפּיטלען אינערהאַלב דעם פייער דעפּאַרטמענט, ווען די געטרייע וואָלונטירן זענען דורכגעגאַנגען אַ גרינטליכן פאַרהער אויף די וויכטיגע הלכות, וואו ס'האָט זיך אַרויסגעשטעלט זייערע קענטעניסן זייענדיג פולקאָם באַהאַוונט אין די אַלע קאָמפּליצירטע הלכות, מיט א קלארקייט און שטאַרקע ידיעה, פּראַקטיש און הלכה'דיג.

לרגל המאורע איז געפּראַוועט געוואָרן אַ דערהויבענער מסיבת לחיים ומעמד חלוקות תעודות, מיט דער באַטייליגונג פון די רבני העיר שליט"א, וואו ס'איז איבערגעגעבן געוואָרן די 'כתבי תעודות' פאר די מעמבערס. מ'האָט געהערט וואַרימע דברי ברכה פון הגה"צ אבד"ק ראדאוויץ שליט"א וועלכער האָט אַרויסגעהויבן לשבח וויאַזוי די עסקני וראשי העיר טוען פאַרזיכערן אַז אַלעס איז תורה'דיג און הלכה'דיג אויסגעהאַלטן מיט'ן דעת תורה, על דרך הסלולה לנו מרבינו הק' זי"ע. אַזוי אויך האָט דער רב המכשיר,

ערזשענסי רופט: 845.585.1212






















הרה"ג דומ"ץ דינוב שליט"א, אַרויסגעברענגט זיין התפּעלות וויאַזוי די איבערגעגעבענע יונגעלייט, וועלכע גרייטן זיך צו ראטעווען לעבנס, זענען באוואפּנט נישט נאר מיט טעכנישע טרענירונג, נאר אויך מיט די קלארע תורה'דיגע אנווייזונגען.

ס'איז דאַן פארגעקומען א מסיבת לחיים ווי די רבני העיר האבן ווארעם אנגעוואונטשן די פרישע וואָלונטירן מיט הצלחה וברכה בכל מעשה ידם, און צו ווערן אויסגעמיטן פון יעדן מכשול און נזק מיט סייעתא דשמיא.

## סאַמע בעסטע עקוויפּמענטס און סיסטעמען איינגערישט

דורכאויס די גאַנצע צייט האָט מען אין די ווילעדזש קאָרידאָרן זיך געלאָזט קאָסטן - מיט דער הילף פון די ספּאַנסערס און מיט דער הילף פון רעגירונג פאנדינג און גרענטס - איינצוקויפן די בעסטע עקוויפּמענט, מאָדערנסטע קאָמוניקאַציע און ראַדיאָ סיסטעמען, טעכנאָלאָגישע איינריכטונגען, און קאסטומיזירטע פייער טראקס וועלכע זענען ספּעציעל אויסגעשטאַט צו קענען אָנקומען און רעאַגירן צו פייערס סצענעס אין בליציגע סעקונדן, מיטן פולסטן עפעקטיווקייט.

די עסקני העיר האָבן געהאַט איין קלאָרע וויזיע: צו אויסשטאַטן דעם נייעם דעפּאַרטמענט מיט די העכסט פאָרגעשריטענע געצייגן, אז ס'זאָל גאָרנישט פעלן פאר די רעטונגס מיסיעס, און אַז ס'זאָל זיין גרייט פאַר'ן דינסט פונעם ציבור על כל צרה שלא תבוא. מ'האָט נישט געזשאַלעוועט קיין געלט, מ'האָט נישט געשניטן קיין 'קארנערס', און מ'האָט נישט געקאַרגט אויף קיין קאסטן, מיט'ן ציל אַז ווען די דעפּאַרטמענט גייט בעז"ה אַריין אין סערוויס, זאָל אַלעס זיין הונדערט פּראָצענט גרייט און אויסשטאַפירט אויפ'ן בעסטן סטאַנדאַרט.

## ברוך מרחיב גד; אַ חלום וואָס איז געוואָרן אַ רעאַליטעט

ס'איז דעריבער אן אומבאַשרייבליכע מאָמענט, ווען אין בלומינג גראָוו וואונטשט מען זיך מיט איבערגיסנדע פרייד געפילן: 'ברוך שהחיינו וקיימנו והגיענו לזמן הזה'! נאָך אַזויפיל פלאָג און צוגרייטונגען האָט מען ב"ה דערגרייכט דעם היסטאָרישן טאָג, ווען ס'איז ווירקליך געעפענט געוואָרן די טויערן פון אַ היימישע סאָפיסטיקירטע לאָקאַלע פייער דעפּאַרטמענט, וואָס פונקציאָנירט בלויז דורך

פאר א פייער אדער גאז עמערז






היימישע געטרייע יונגעלייט מיט הארץ און געפיל, אויף די העכסטע פּראָפעסיאָנאַלע שטאַפּלען, אונטער די אויפזיכט פון אַ סימפּאַטישע ווילעדזש אַדמיניסטראַציע.

לאַנגע יאָרן האָט מען בלויז געקענט טרוימען פון אַזאַ מציאות. מ'האָט אַזויפיל גערעדט און געחלומ'ט פון אַזאַ טאָג, און ב"ה אַז מ'האַלט שוין אָט דאָ! דער פייער דעפּאַרטמענט איז אַ שטאַנדהאַפטיגער מציאות של קיימא בתוככי בלומינג גראוו המעטירה, מיט אַזויפיל אומגלויבליכע סייעתא דשמיא וואָס טוט באַגלייטן אויף יעדן טריט און שריט, בכוחו ובזכותו של אותו זקן מרן רבינו הק' זי"ע.



מעמד חלוקת התעודות ע"י רבני העיר שליט"א

## הכרת הטוב פאר קאָנגרעסמאַן פּעט רייען

אין אַזאַ צייט ווערט אַרויסגעהויבן די דאַנקבאַרקייט פונעם ציבור פאַר'ן געערטן לאָקאַלן קאָנגרעסמאַן, מר. פּעט רייען. וואָס טראָצדעם וואָס אין וואַשינגטאָן האָט מען לעצטנס מיטגעהאַלטן נאָכאַנאַנדע רעגירונג 'שאטדאונס', און טראָץ די ביוראָקראַטישע שוועריקייטן צו שאַפן פעדעראַלע פאנדינג פאר א דעפּאַרטמענט וואס עקזיסטירט דערווייל בלויז אויף פאפיר, האט דער קאנגרעסמאן באוויזן דאס אוממעגליכע, און דורך זיין אומערמידליכע הילף זענען געברענגט געווארן הונדערטער טויזנטער דאלארן אין פעדעראלע פאנדינג, וואס האבן געדינט אלס א שטארקע רוקן-ביין פארן גרינדונג פון דעם פייער דעפּאַרטמענט.

ווי פאַרשטענדליך איז דאס בלויז דער אנהויב, ווייל ווי נאר דער דעפּארטמענט הייבט פראקטיש אן צו פונקציאנירן, איז שוין אין פלאן א פרישע רונדע פון גרענט אפליקאציעס צו קענען פארגרעסערן דעם דעפּאַרטמענט אין עטליכע ריכטונגען, בסייעתא דשמיא.

## להביע רננות בעד מפעלם; די חשוב'ע נדיבים און ספּאָנסערס

ביי דער געלעגנהייט ווערט אויך אויסגעדרוקט די טיפסטע הכרת הטוב פאר הני צנתרי דדהבא, די נדיבי לב וועלכע זענען אַקעגנגעקומען צו ספּאַנסערן די גאָר קאָסטבאַרע און פאָרגעשריטענע עקוויפּמענט פאר הצלת נפשות. בראש ובראשונה, הרבני

הנכבד מו"ה בנציון יודא לאָנדאָ הי"ו, ובנו הרבני מו"ה יוסף יוזפא הי"ו ואתו עמו שותפו הרבני מו"ה לוי יצחק שוואַרץ הי"ו, פון די באַרימטע 'ליוולענד גרופ', וועלכע האָבן בלבם הטוב געספּאָנסערט דעם 'פייער ענדזשין' טראָק, אויסגעשטאַטעט מיט די מאַקסימאַלסטע מאָדערנע איינריכטונגען און סיסטעמען, וואָס האָט אָפּגעקאָסט דעם פאַנטאַסטישן סומע פון 1.2 מיליאָן דאָלער! הוד והדר פעלם וצדקתם עומדת לעד.

והשני בדומה, אַזוי אויך באַדאַנקט מען זיך פאר הרבני מו"ה נחום לעבאָוויטש הי"ו, פון די באַקאַנטע "דילידזשענט דעוועלאָפּערס גרופּ", וועלכער האָט בחפץ לב געספּאָנסערט דעם "רעפּיד רעספּאנס" טרעקל. - אַ גאָר סאָפיסטיקירטער אַפּאַראַט, אויסגעשטאַט מיט גאר פאָרגעשריטענע מכשירים וואס קען דורכברעכן פאַרפּאַנצערטע טירן אין פאל פון א פייער וכדו', און 'אינפרא-רעד אימעדזשינג' קעמערעס וואס ווייזט קלאר אויב עפעס ברענט נאך אונטער די וואנט וכדו', און איז אויך גרייט פאר סיי וועלכע עקסידענטן היל"ת, מיט ספּעציעלע כלים שנעל אויפצושניידן קארס אדער אויפהייבן גאָר שווערע וואג אין געציילטע סעקונדן. דער דאזיגער אַפּאַראַט האט באזונדער אפגעקאסט אומגעפער אַ האלב מיליאן דאלאר. ותשואת חן חן לו.

## אשרי חלקם וחבלם; די געטרייע וואָלונטירן ובני ביתם

ועל הכל יתברך וישתבח: די וויכטיגסטע און טייערסטע פאַרמעגן וואָס דער פייער דעפּאַרטמענט פאַרמאָגט, זענען אָן קיין צווייפל, די איבערגעגעבענע און האַרציגע וואָלונטירן, כל אחד בשמו הטוב יבורך, וואָס האָבן אין די לעצטערע חדשים אינוועסטירט אומבאַשרייבליכע כוחות, קאָפּ און מח, שעות טעג און וואָכן, צו ווערן אַ טייל פון דעם הצלת נפשות אַפּאראַט, בלי תשלום גמול.

מ'רעדט דאָ פון חשוב'ע יונגעלייט, אנשי חיל ועושים מלאכתם באמונה, וועלכע זענען אַלע עוסק על המחיה ועל הכלכלה דורכאויס דעם טאָג, און אַנשטאָט אַהיימקומען אויסרוען די מידעביינער נאך א טאג ארבעט, האבן זיי איינפאַך אוועקגעגעבן די שפּעטע נאכט שעות פאר די קאָמפּליצירטע טרעינירונגען, שווערע פיזישע איבונגען, און האַרבע פאפיר-טעסטן, סיי פאר די לאָקאַלע אַגענטורן און סיי ביי די הלכה שיעורים.

למען צדקם, יגדיל ויאדיר! עס איז באמת נישטא קיין ווערטער אין דעם לעקסיקאָן ארויסצוברענגען צווישן די שפּאלטענס פון 'די שטימע' די טיפע געפילן פון הכרת הטוב פאר די טייערע יונגעלייט, וואס האָבן מיט אַ זעלטענע מסירת נפש אַוועקגעגעבן זייער טייערע צייט, זייער אייגענע הרחבת הדעת און מנוחת הנפש. און זענען ווייטער גרייט צו יעדע צייט, אַלעס פאַר'ן וואוילזיין פון די תושבים און פאר הצלת נפשות מישראל.

ומנשים באהל תבורך, זייערע חשוב'ע בני בית שתחי', וועלכע פאַרמאָגן אַ גלייכן טייל אין אַלע זייערע לייסטונגען, אוועקגעבענדיג פון זייערע אייגענע באַקוועמליכקייט מיט אַזאַ איבערגעגעבנקייט, אַלעס כדי צו העלפן דער גאָלדענער צוקונפט פון בלומינג גראָוו. זאל דער אויבערשטער זיי אַלעמען באַצאָלן צו ווערן אָפּגעהיטן און געבענטשט מיט אַלע ברכות האמורות בתורה, און עס זאל זיי אַהיימקומען נחת און געזונט, עושר ואושר מיט אַ שטענדיגע הצלחה, עד בלי די.

**ובכניסתו מהו אומר: ווען מ'איז ב"ה מחנך דעם נייעם פייער דעפּארטמענט מיט אַזאַ פּראַכט, הייבן תושבי העיר אויף די הענט מיט אַ תפלה צו השי"ת אַז מ'זאָל די אַלע קאָסטבאַרע עקוויפּמענטס בלויז דאַרפן נוצן פאר פריילעכע צוועקן, ווי שריפת חמץ און הדלקות ל"ג בעומר, און מ'זאָל שטענדיג קענען מעלדן נאר בשורות טובות, ויהי רצון שתשרה שכינה בכל מעשי ידינו.**

**ובשם ה' נעשה ונצליח!**







פאר א פייער אדער גאז עמערזנ

ואתה תחזה מכל העם אנשי חיל!

# גייסטרייכע שטימונג ביי איינדרוקספולן 'מעמד פּתיחת שערים' דעם פאַרלאָפענעם זונטאָג צו הָעל"ט

## פאַסיגע באַגריסונגען ווערן געהערט פאר געטרייע פייער מעמבער, ראשי ועסקני העיר, און געשעצטע ספּאָנסערס ונדיבים בעם, וועלכע האָבן ערמעגליכט דעם היסטאָרישן אַנטוויקלונג



וכל העוסקים בצרכי ציבור הקב"ה ישלם שכרם

אין אַ זעלטן-דערהויבענע גייסט איז דעם פאַרגאַנגענעם זונטאָג צו העעל"ט אָפּגעראָכטן געוואָרן אַ גאָר ערהאַבענעם און אַריסטאָקראַטישער מעמד מיוחד, ווען מ'האָט מיט אַ שבח והודאה להשי"ת ערעפענט די טויערן פון דעם ניי-געגרונדעטן היימישן פייער דעפּאַרטמענט אינערהאַלב די גרעניצן פון דעם ווילעדזש אָוו סאַוט - בלומינגראוו. - כרחמיו וכרוב חסדיו הגדיל לנו!

דער מעמד פּתיחת שערים איז געפייערט געוואָרן מיט דער באַטייליגונג פון די געטרייע פייער מעמבער, די איבערגעגעבענע ווילעדזש אַדמיניסטראַציע, ערוויילטע לאָקאַלע באַאַמטע, און אַזוי אויך אַ צאָל היימישע דעוועלאָפּער און אינוועסטירער, וועלכע זענען אַקעגן געקומען בחפץ לבם צו פאַרזיכערן אַז די גרויסע קאסטן פון אַזאַ פּראָיעקט זאָלן נישט פאַלן אויף די שטייער צאָלער, און האָבן געספּאַנסערט דעם חלק הארי פון די ריזיגע אויסגאַבעס, פאר די וואוילזיין פון אַלע איינוואוינער.

### הר"ר אהרן בנציון ווידער הי"ו, ניו יארק סטעיט אַסעמבלימאַן

דער מעמד איז געעפנט געוואָרן דורך דעם באַגאַבטן טשערמאַן, העסקן הר"ר ירמי' ראָזנבערג הי"ו, מחשובי תושבי ועסקני העיר, וועלכער האָט פאַסיג באַגריסט די פאַרזאַמלטע מיט טרעפליכע דברי חן, און האָט אויפגערופן דעם גאַסט - רעדנער, העסקן הנכבד מו"ה אהרן בנציון ווידער הי"ו, ניו יארק סטעיט אַסעמבלימאַן, וועלכער איז ספּעציעל געקומען זיך באַטייליגן ביי אַזאַ היסטאָרישן מאָמענט, אויף וואָס מ'קוקט שוין אַזוי לאַנג אַרויס.

ר' אהרן בנציון איז אייגנטליך נישט קיין פּנים חדשות דאָ אינעם ווילעדזש. ס'איז שוין לאַנגע יאָרן - סיי אַצינד אַלץ אַסעמבלימאַן און סיי נאָך אַלץ

ערזשענסי רופט: 845.585.1212








**א בליק אויף די הערליך צוגערישטע מעמד הפתיחה אינעם ווילעדזש בנין פארלאפענעם זונטאג פ׳ צו**

לעגיסלאַטור אין ראַקלענד קאַונטי -וואָס ער שטייט מיט אַזאַ וואַרימקייט און האַרציגקייט צו הילף פאר אחבנ"י דאָ אין שטאָט, אַלעמאָל ווען מ'דאַרף האָבן לעגאַלע און פּאָליטישע אינטערווענץ. ביי יעדע געלעגנהייט - סיי ביים דורכפירן דעם 'האַוז אָוו ווארשיפ' געזעץ, און ביי נאָך פילע קלענערע און גרעסערע פעולות פון עסקנות ושתדלנות לטובת העיר - איז עס ר' אהרן בנציון וועלכער באַגלייט די צרכי ציבור בעצה ותושי' מיט אן אָפענע טיר און אָן אָפענע האַרץ.

ביי זיין אויפטריט האָט טאַקע ר' אהרן בנציון איבערגעגעבן זיינע רגשי הלב ווען מ'לעבט מיט אַזאַ אומגלויבליכע דורכברוך. ער האָט אַרויסגעהויבן די טייערע מעמבערס פונעם דעפּאַרטמענט, און דאס מסירות נפש פון זיי מיט זייערע משפחות. ער האט באזונדער ארויסגעהויבן די שיינקייט פון דער שטאט ווען די היימישע אינוועסטירער לאזן זיך קאסטן לטובת בני העיר, אין א בחינה פון 'כולנו יחד נבנה' וואָס דאָס איז די גרעסטע ביישטייערונג צו די זעלטענע הצלחה. און ער האט אויך ערוועגט די פילע שתדלנות וואָס גייען אָן אונטער די קוליסן, און האָט ווייטער פאַרשפּראָכן צו שטיין צו הילף פאַר אונזער בליענדע ווילעדזש.

חולקין כבוד למלכות. צום שלוס פון זיינע ווערטער האָט ר' אהרן בנציון איבערגעגעבן אַ טייערן 'פלעק' פאַר'ן געשעצן מעיאָר, מר. דזשאָרדזש קאלאדזש, וואו ס'ווערט באַטאָנט זיינע

פאר א פייער אדער גאז עמערז



יושב ראש המעמד: מו"ה ירמי' ראזענבערג הי"ו



דעפיוטי מעיאר: מו"ה אברהם משה ווייס הי"ו



פייער טשיעף: מו"ה יואל גאלדשטיין הי"ו

פילע לייסטונגען פאר די געמיינדע, דורכאויס די אַלע יאָרן זינט מ'האָט אים אריינגעוועלט צו דער מעיאָר פּאָזיציע.

## הר"ר יואל שטערן הי"ו – ווילעדזש עקזעקיוטיוו

מ'האָט דאַן געהערט אַ גייסטרייכן אויפטריט דורך דעם איש המעש והפעולה, הר"ר יואל שטערן הי"ו, ווילידזש עקזעקיוטיוו, וועלכער האָט אין נאָמען פון דער ווילעדזש אַדמיניסטראַציע אַרויסגעהויבן די טיפע געפילן וואָס שפּירט זיך ביי אַלעמען שהחיינו וקיימנו והגיענו לזמן הזה. דערביי איז ר' יואל עטוואָס איבערגעגאַנגען די קאַפּיטלען פון דער נישט- ווייטער היסטאָריע, מיט די געוואַלדיגע חסדי ה' וואָס האָט אונז באַגלייט פון סאַמע -אָנפאַנג, ביז מ'קען ב"ה שטיין דאָ ביי אַזאַ מאָמענט, ווען מ'איז זוכה צו מיטהאַלטן די ערעפענונג פון אַ היימישע פייער דעפּאַרטמענט אויף אַזאַ הויכע און פּראָפעסיאָנאַלע ניוואָ.

ר' יואל האָט פּאַסיג אַרויסגעברענגט דעם 'אין עוד מלבדו' וואָס מ'דאַרף שטענדיג האַלטן פאַר די אויגן, ס'איז נישט 'כוחי ועוצם ידי עשה לי את החיל הזה', נאָר 'כי הוא הנותן לך כח לעשות חיל' – דאָס האָט אונז באַגלייט, דאָס טוט אונז באַגלייטן, און דאָס וועט אונז ווייטער באַגלייטן מיט אַזאַ



מו"ה לוי יצחק שווארץ הי"ו פון די ליוולעווד גרופ



אסעמבלי-מאן מו"ה אהרן בנציון ווידער הי"ו



מו"ה יצחק עקשטיין הי"ו



מו"ה יואל שטערן הי"ו



פלעק פאר'ן מעיאר ושארוש קאלאזש יר"ה

ערזשענסי רופט: 845.585.1212





אות הכרת הטוב פאר די ליוולענד גרופ - איילענד טיים מעגא סופערמארקעט אייגנטומער פאר די "פייער ענזשין" נדבה

אויסטערלישע סייעתא דשמיא אויף טריט און שריט.

## נדיבי עם ווערן באַערט בכבודם הראוי

איינס פון די הויכפונקטן פונעם אָוונט איז געווען ווען מ'האָט באַגריסט די חשוב'ע ספּאָנסערס און נדיבים וועלכע האָבן זיך געלאָזט קאָסטן פאר די גאָר קאָסטבאַרע עקוויפּמענטס און געצייגן פונעם נייעם פייער דעפּאַרטמענט.

בראש ובראשונה זענען באַערט געוואָרן מיט אַ ערליכן 'פּרס הצלת נפשות': הרבני החסיד מו"ה **בנציון לאנדא** הי"ו, ובנו מו"ה **יוסף יוזפא לאנדא** הי"ו, ושותפו מו"ה **לוי יצחק שווארץ** הי"ו, פון דער באַקאַנטער 'ליוולענד גרופּ', וועלכע האָבן זיך געלאָזט קאָסטן די פאַנטאַסטישע סומע פון 1.2 מיליאָן דאָלער פאַר'ן קאָסטבאַרן פייער ענדזשין טראָק. - דאָס איז אין צוגאָב צו זייערע פילע לייסטונגען פאר אַלע ערליי צדקה וחסד אונטערנעמונגען אינערהאַלב דעם ווילעדזש, אַ שטייגער ווי דער 'קופּת עירינו' און נאָך וואוילטעטיגע צוועקן, וואו זיי זענען שטענדיג צוהילף ביד רחבה וברוח נדיבה.

דאַן איז איבערגעגעבן געוואָרן אַ 'פּרס הצלת נפשות' פאר הרבני הנגיד מו"ה **נחום לעבאָוויטש** הי"ו פון 'דיליזשענט דעוועלאָפּערס, פאר זיין ריזיגע נדבה צו אָפּקויפן און איינרישן דעם פּאָרגעשריטענעם 'רעפּיד רעספּאַנס' טראָק, וואָס האָט אָפּגעקאָסט העכער אַהאַלב מיליאָן דאָלער. וצדקתו עומדת לעד.

## הר"ר אברהם משה ווייס הי"ן – דעפּיוטי מעיאָר

מ'האָט דאַן געהערט די באַגריסונג רעדע דורך הרבני הנכבד, כהן שדעתו יפה, מו"ה אברהם משה ווייס הי"ו, דעפּיוטי מעיאָר, וועלכער האָט הערצליך אָנגעוואונטשן פאַר זיינע קאָלעגעס – די טראסטיס, די עסקנים פון דער יו.דזשי.סי. און די פייער-מעמבערס, מיט א ווארימען ברכת כהן: "יהי רצון שתשרה ברכה במעשה ידיכם".

## הר"ר יואל גאָלדשטיין הי"ן – פייער טשיף

מיט טרעפליכע ווערטער האָט אויפגעטרעטן דער ענערגישער און באַליבטער פייער טשיף, וואָס שטייט אין שפּיץ פון דער הערליכער אונטערנעמונג, העסקן הנכבד מו"ה יואל גאָלדשטיין הי"ו, וועלכער האָט זיך באַדאַנקט פאר די איבערגעגעבענע מעמבערס וואָס זענען אַזויפיל מקריב פון זייער צייט און כוחות כדי צו העלפן אידישע קינדער. ער האָט באַזונדער דערמאָנט זייערע חשוב'ע בני בית, וואָס האָבן אַ גלייכע שותפות אין די אַלע זכותים פון הצלת ישראל - כאילו קיים עולם מלא!

ר' יואל האָט אַרויסגעהויבן די אַקטיווע ראָלע פון די ווילעדזש באַאַמטע וואָס באַגלייטן יעדן טריט מיט אַזויפיל הארץ און געפיל, צו פאַרזיכערן אַז ס'ווערט צוגעשטעלט אַלע נויטיגע דעטאַלן וואָס די פייער דעפּאַרטמענט דארף נאר האָבן, אַז די געטרייע מעמבערס זאָלן קענען רואיג פאָקוסירן בלויז אויף די הייליגע אַרבעט פון הצלת נפשות.

## הויכפּונקט פון די נאכט: פרישע פאַנטאַסטישע נדבה דורך הרבני הנגיד מו"ה שלמה זלמן פעדער הי"ן

פאר א פייער אדער גאז עמערזש





אות הכרת הטוב פאר די דיליזשענט גרופ דעוועלאפער פאר 'די רעפיד רעספאַנס' טראָק



מו"ה שלמה פעדער הי"ו וועלי הייטס דעוועלאפער וואס האט מנדב געווען א 'פאָמפער טאנקיר טראָק'

דורכאויס דעם אָוונט האָט מען געהאַט אן אַנגענעמע איבערראַשונג, ווען צווישן די באַטייליגטע איז געווען קענטיג די אָנוועזנהייט פון הרבני הנגיד מו"ה שלמה זלמן פעדער הי"ו, פון די דעוועלאָפערס און אינוועסטירער וועלכער שטייט שטענדיג צוהילף מיט שטיצע פאר די ציבור'ישע אַנגעלעגנהייט אינערהאַלב דעם ווילעדזש. און אַצינד, מיטהאַלטנדיג פון דער נאָנט די ערעפנונג פון דעם דעפאַרטמענט, האָט ר' שלמה זלמן אָנגעפרעגט וועלכע עקוויפמענטס עס פעלן נאָך אויס, און דאן האט ער ספאנטאניש געמאלדן אז ער שענקט אויפ'ן ארט א פאנטאסטישע נדבה, אפצוקויפן א שפאגל-נייעם העכסט סאָפיסטיקירטן 'פאָמפער טאנקיר טראָק' פאַר'ן פייער דעפאַרטמענט!

דאָס איז גאָר אַ לעבנס וויכטיגע געצייג פאַר'ן לאָקאַלן דעפאַרטמענט, וואָס קען בעז"ה ראַטעווען אַסאַך אידיש געלט און נפשות, צוליב דעם וואָס די היזיגע וואַסער-אינפראַסטראַקטור איז דערווייל נאָך נישט גענוג שטארק, און צומאל ווען מען קומט אָן צו אַ פייער, האָבן די פייער-היידראַנטס נישט אייביג גענוג וואַסער דרוק. דער נייער טראַק וועט דעריבער טראָגן איבער דריי און אהאלב טויזנט גאַלאָן וואַסער, וואס וועט שטענדיג זיין גרייט צום באנוץ פאַר הצלת נפשות!

# אנשי חיל - לכו בכוחם זה!

דורכאויס דעם מעמד איז פאַרטיילט געוואָרן פערזענליכע געשאנקן, אַלץ אָנדענק ומנחת מזכרת פאר אַלע געטרייע פייער מעמבערס, כולם אהובים וברורים, אַרויסצוהייבן די אויסטערלישע הכרת הטוב אין נאָמען פון אַלע איינוואוינער פאר זייער אומבאַשרייבליכע מסירת נפש און פאר זייערע געבענטשטע לייסטונגען, וואָס וועט בלי ספק פאַרמיידן אָן קיין שיעור אידישע שאָדנס און עגמת נפש. ישלם ה' פעלם!

דער אָוונט האָט זיך געשלאָסן אין אַ זעלטענע געפיל פון ברידערליכקייט. עס האָבן אַלע געשפירט אַז דאָ האָט זיך אָפּגעשפילט אַ שטיק היסטאָריע, ווען בלומינג גראָוו איז פאַקטיש פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ פולקאָמע היימישע שטאט מיט אַ ליכטיגן עתיד, וואָס שטייט ב"ה אויף די אייגענע פיס, מיט אַן אַקטיוו אַוועקגעשטעלטע אינפראַסטראַקטור, מיט אזויפיל הארציגע און ענערגישע עסקנים ואישי הציבור, און מיט אַן אומגעהויערן כח פון סייעתא דשמיא, בכוחו ובזכותו של אותו זקן רביה"ק זי"ע.

**כי מלאכיו יצוה לך!**

# בייקס און סקוטערס סעיפטי וויכטיגע דערמאנונג

**ווי מיר האלטן איצטערט אין די זוממער טעג און ווי פארשטענדליך שפילן די קינדער מער אויף די לאקאלע גאסן, פילן מיר פאר וויכטיג צו דערמאנען די עלטערן איבער די סעיפטי און זיכערהייט כללים וואס מען ברויך ציוויסן געבן פאר די קינדער, וויאזוי צו זיין פארזיכטיג ביים זיך שפילן אויף די ראודס און אויף די גאסן, ספעציעל ביים שפילן מיט בייקס און סקוטערס.**

1. **אנטאן א העלמעט:** מען קען שרייבן לאנגע שורות און עס וועט קיינמאל נישט זיין איבעריג, איבער דאס וויכטיגקייט פון גיין מיט א העלמעט ווען מען רייזט מיט א בייק אדער סקוטער, דאס איז וויכטיג פאר קינדער און עלטערע צוגלייך. מאכט זיכער אז די העלמעט איז די ריכטיגע מאס פאר דעם רייזענדער.

2. **רייזן אויף די זייט פונעם ראוד:** מאכט זיכער אז אייער קינד טוט רייזן און זיך שפילן בלויז אויף די זייטן פונעם ראוד. עס איז אויך גאר וויכטיג צו האלטן אן אפענע אויג פאר לעכער, קעטש בעיסינס און סיי וועלכע אביעקטן מען קען זיך אנשטויסן, ווען מען רייזט אויפן ראוד.

3. **טראפיק לייטס:** ווען מען רייזט אריבער א ראוד, לערנט די קינדער צו בעטן אן ערוואקסענעם בעפאר אריבערגיין די גאס. טראפיק ליכט רעגולאציעס איז אינפארסירט פאר אויטאס, בייקס און פיסגייער צוגלייך.

4. **בליינד ספאט"ס:** סקוטערס און בייקס האבן נישט קיין שפיגלען, עס איז קריטיש וויכטיג מסביר צו זיין פאר די קינדער אז זיי זאלן זיין באוואוסטזיניג איבער דעם ארום, סיי פון אנדערע בייקס און סקוטערס און אוודאי פון קארס - בעפאר זיי פארן אריין און ארויס פון דרייוועיס און גאסן, און בעפארן אריבערגיין פון איין זייט גאס צום צווייטן.

5. **רייזן שנעל:** לערנט אייערע קינדער נישט צו רייזן מיט א שנעלקייט אויף בייקס און וויאזוי אראפצוטאנצן פון א בייק אדער סקוטער, אויב די ברעיקס ארבעטן נישט און עס איז שווער זיך אפצושטעלן.

6. **רעגן:** ווען עס רעגנט אדער ווען די ראודס זענען נאס און גליטשיג, מאכט זיך פיל מאלפונקציעס מיט די ברעיקס. מערסטנס בייקס און עלעקטרישע סקוטערס זענען נישט אויסגעשטאטעט צו קענען פארן אויף נאסע ראודס.

7. **ביינאכט:** בייקס און סקוטערס זענען גאר אוממערקבאר אין די נאכט שטונדן, מאכט זיכער אז די בייק האט כאטש איין שטארקע לייט פון פארנט און פון הונטן, **און אז דער רייזענדער האט אן רעפלעקטארס.**

8. **פיסגייער:** פיסגייער האבן אייביג די "רייט או ועי". אויב די גאס איז צו שמאל, שטעלט אפ דעם סקוטער און קומט אראפ פון אייער בייק ביז דער פיסגייער איז אדורך.

9. **מעכאניקס און פונקציעס:** עס איז וויכטיג אפט איבערצוקוקן די בייקס און סקוטערס, זיכער צו מאכן אז עס טוט פולקאם פונקציאנירן און אז די ברעיקס, רעדער און האנד-הענטלען ארבעטן ווי עס ברויך צו זיין, און ווי אויך אז די לעקטערס פונקציאנירן און אז עס ווערט געזען פונדערווייטנס.

**כי מלאכיו יצוה לך לשמרך בכל דרכיך.**

בס"ד

מיט דעם טוען מיר מעלדן אז בעזהשי"ת וועט ווערן צוגעשטעלט די

# פּאַטראָל סערוויס

## לקראת חג הפסח תשפ"ו לפ"ק

**להסיר מכשול:**
**פרעגט און אייער מורה הוראה איידער איר באנוצט זיך מיט דעם סערוויס בכדי צו פארמיידן שאלות בהלכה וואס קען זיך גרעניצן מיט איסורים דאורייתא**

## ערשטע טעג יו"ט

**ערשטע נאכט יו"ט**
פון **זמן** הדלקה"נ ביז **3:30** פארטאגס

**ערשטע טאג יו"ט**
פון **12:30** מיטאג ביז **3:30** פארטאגס

**צווייטע טאג יו"ט - ערב שבת**
פון **12:30** מיטאג
ביז **12:30** שבת ביינאכט

**שבת חול המועד**
פון **12:30** מיטאג ביז **3:30** מיטאג

## צווייטע טעג יו"ט

**שביעי של פסח**
פון **זמן** הדלקה"נ ביז **2:30** פארטאגס

**שביעי של פסח**
פון **12:30** מיטאג ביז **12:30** ביינאכט

**אחרון של פסח**
פון **12:00** מיטאג ביז **3:30** מיטאג

איר קענט ארײנלייגן די קארטל ביי א דראפ באקס אויף די פאלגענדע אדרעסן

**קעפיטאל הילל:**
25 ווירדשיניע עוו
36 מעריוואלד לעין סאוט

**לעיק שאור:**
327 לעיק שאור דרייוו
5 רעד בוירד דרייוו

**ווארלי הייטס:**
2 דועלק עוו.
9 דאללאס דרייוו
30 פארט ווארט פלעיס

EMERGENCY MANAGEMENT DIVISION

VILLAGE OF SOUTH BLOOMING GROVE

**OFFICE OF EMERGENCY MANAGEMENT**

**Village of South Blooming Grove**

29 Merriewold Lane South
Blooming Grove, NY 10950

חג כשר ושמח!

**OFFICE OF EMERGENCY MANAGEMENT**

# באַריכטן און נאָטיצן

## מהנעשה והנשמע אין די ווילעדזש גרעניצן במשך דעם פארלאפענעם ווינטער תשפ"ו העעל"ט

### ווילעדזש אינסטאלירט דיגיטאלע "קלוגע" וואסער מיטערס ביי אלע הייזער

שוין זינט 6 יאר צוריק ווען די היימישע ווילעדזש באאמטע האבן איבערגענומען דעם אפיס, איז באמערקט געווארן אז אין גאר אסאך אלטע הייזער דורכאויס דעם ווילעדזש זענען פארהאן וואסער 'מיטערס' וואס ארבעטן נישט ווי עס דארף זיין. עס איז דאן געווען א חשבון פון איבער 'זעכציג פראצענט' מיטערס וועלכע ארבעטן נישט ריכטיג; א טייל געבן נישט קיין פארלעסליכע ציפערן, וכדו'. די סיבה דערצו איז וויבאלד דאס איז שוין געווען גאר אלט, בערך פופציג יאר, אדער נאך עלטער, האט דאס געברענגט מיט זיך א היפשע קאמפליקאציע אין די וואסער-בילינג, ווייל אן פארלעסליכע ציפערן, קען די ווילעדזש  בילן נאר לויט אן "עסטימעיטעד עווערעדזש" און מ'קען נישט פולקאם רעכענען פאר דעם וואסער וואס ווערט באמת גענוצט, וואס דאס איז א גרויסע שאדן, סיי דעם ציבור, און סיי פאַר'ן ווילעדזש.

דערפאר האט מען - צווישן די צענדליגע פרישע פראיעקטן אינעם ווילעדזש האלל - ארייגעלייגט גאר אסאך כוחות איבערצופרישן די אלטע מיטער'ס, און צו טרעפן א פארלעסליכע קאמפאני וואס וועט דאס קענען ריפלעיסן און איבערפרישן. יגעת ומצאת תאמין, און במשך דעם פארלאפענעם ווינטער האט די ווילעדזש אפיציעל באשטעלט א פראפעסיאנאלע פירמע, וואס ספעציאליזירט זיך אין דעם געביט, און אריין אין קאנטראקט אויף דעם פראיעקט, און תיכף ומיד האט די ווילעדזש שוין ארויסגעשיקט בריוון, ווי אויך געמאלדן אויף די געווענליכע קאמיוניקאציע מיטלען, מיט קלארע אנווייזונגען פאר אלע תושבי בלומינג גראוו, אז מ'זאל זיך אויפסיינען מיט א אפוינמענט ווען די פירמע קען אראפקומען צו זייערע הייזער, כדי אויסצוטוישן אלע עלטערע מיטערס מיט נייע מאדערנע דיגיטאלע מיטערס.

די נייע מיטערס זענען פיל מער פונקטליך, און ברענגען מיט זיך נאך א גרויסן בענעפיט אז מ'דארף נישט מער אראפשיקן קיין עקסטרע שטאב, ארומצופארן צו לייענען יעדן מיטער בפרטות, ווייל אלעס ווערט אויטאמאטיש געליינט 'ווייערלעס' דורך א ראדיא-סיגנאל צום קאמיוניקאציע-טורעם. אין צוגאב, זענען די נייע מיטערס אסאך פונקטליכער, און עס פארמאגט ספעציעלע פונקציעס און סענסארס וואס קענען תיכף ומיד אויפכאפן אויב ס'איז פארהאן א וואסער-ברעיק אדער א פארפרוירענע פייפ — און אלארמירן דעם וואסער-דעפארטמענט, כדי מ'זאל קענען פארמיידן גרעסערע שאדנס.

צום באמערקן: אלע תושבים וואס וואוינען שוין אין נייע הייזער וואס ווערן כסדר געבויעט אין שטאט, אפערירן שוין אויטאמאטיש מיט די נייע מיטערס, און דארפן נישט באשטעלן א אפוינטמענט. אצינדער ווי נאר דער פראיעקט וועט קומען לידי גמר, וועלן אויך אלע עלטערע הייזער באקומען דעם נייעם מיטער — גענצליך בחינם, אן קיין אפצאל.



איידער מ'האט ארייגעברענגט דעם נייעם מיטער, זענען די ווילעדזש-באאמטע אריבערגעגאנגען מיט די רבני העיר שליט"א איבער אלע טעכנישע פרטים, זיכער צו מאכן אז דאס איז אפגעהיטן פון יעדע פאטענציעלע שאלה אין הלכות שבת. און די רבנים שליט"א האבן באשטעטיגט אז ס'איז הונדערט פראצענט אויסגעהאלטן, בתכלית ההידור.

דער גאנצער פראיעקט איז שוין מער ווייניגער בעז"ה פולקאם ערגענצט, אין די קומענדיגע וואכן וועט מען מוזן ארויסשיקן פאר די געציילטע וואס האבן דאס נאכנישט עספיט צו ערלעדיגן א 'לעצטע דערמאנונג', בעפאר עס וועט מוזן קומען באגלייט מיט א וויאלעישאן פארן אפערירן מיט א אלטע וואסער מיטער, וועלכע קען מער נישט פונקציאנירן, פאַר די תועלת פון אלע איינוואוינער.

# ווילעדזש ערהאלט 'סטעיט גרענט' פאר אינזשענירונג און דעזיין אנצוהייבן אויסברייטערן דעם רוט 208

נאָך פילע מאָנאַטן פון אינטערוועניץ און אַקטיווע שתדלנות אינערהאַלב די אָלבאַני פענסטער, איז ב"ה פאַקטיש באַשטעטיגט געוואָרן אַ סטעיט גרענט פון $140,000, פאר די קאסטן פון דעם לאַנג–ערוואַרטעטן דעזיין און אינזשענירונג אַרבעט, איבערצומאכן וויכטיגע טיילן פון רוט 208, וואו מ'וועט אנהייבן די אויסברייטערונג פראָצעדור, פאר די באַקוועמליכקייט פונעם טראַפיק פלוס.

ס'איז שוין אַ לענגערע תקופה וואָס די ווילעדזש אַדמיניסטראַציע איז פאָקוסירט צו ברענגען אַ לעזונג פאַר'ן רוט 208 וואו מאָטאָריסטן קוקן אַרויס צו געניסן פון אַ לייכטערן טראַפיק. דער גרויסער אויסברייטערונג פראיעקט וועט זיין צעטיילט אויף עטליכע פאזעס, און דעריבער ערוואַרטעט דער ווילעדזש צו באַקומען נאָך גאָווערמענט פאָנדן פאר דעם פראָיעקט. אין צוגאָב צו דעם יעצטיגן גרענט, אַרבעט מען צו באַקומען נאָך אן 'אַוואָרד' פון צווישן $140,000 - $280,000 געוואנדן אין דעם בודזשעט און אין דעם פראצעדור פון דעם ענדגילטיגן דעזיין.

די ערוואַרטעטע אויסברייטערונג פונעם רוט 208 וועט בעז"ה ברענגען אַ נייע עפּאָכע פאַר דער גאַנצער שטאָט. מ'רעדט דאָ פון אַ גאָר פאַרצווייגטע און קאָמפּליצירטע פּראָיעקט, וואָס אַנטהאַלט צווישן אַנדערע: צוגעלייגטע ליניעס פאַר'ן טראַפיק; טוירנינג און פעססינג ליניעס; עטליכע ראונדע-באוטס (roundabouts); און אַ באַזונדערע פאָקוס צו גיסן ברייטע סיידוואלקס אויף ביידע זייטן פונעם ראָוד, פאר די באַקוועמליכקייט פון פיס-גייער, צו קענען רואיג שפּאַצירן פון איין געגנט צום צווייטן.

אַצינד, ווען די ערשטע פאנדינג איז פאקטיש ערהאַלטן געוואָרן, זיצט מען שוין אין די ווילעדזש אָפיסעס מיט גרעסערע אינזשענירן, אָנצוהייבן דעטאַלירטע דעזיין ארבעט, וואָס פאַרשפּרעכט זיך צו רוקן פאָראויס מיט אַ שנעלקייט, מיט'ן ציל צו פאַרשענערן די שטאָט, גאָר שטאַרק פארבעסערן דעם טראפיק פלוס און מאַכן דעם ראָוד פיל מער פאַרזיכערט, סיי פאר מאָטאָריסטן און סיי פאר די פיסגייערס אויף די זייטן.



קלאוו ראוד אינטערסעקשאן



דועלק עוו. אינטערסעקשאן



רוט 208 און מאונטען ראוד אינטערסעקשאן



מענגין ראוד אינטערסעקשאן

## הרחבת גבולי הקדושה

# ביהמ"ד דקהל יטב לב סאטמאר, פארט ווארט

דעם פארגאנגענעם חודש כסלו, האט מען באנייט דעם בית המדרש ד'קהל יטב לב אויף 24 פארט ווארט פלעיס

כ"ק מרן אדמו"ר מ'סאטמאר שליט"א איז ספעציעל געקומען באשיינען דעם הערליכן מעמד פון קביעת מזוזה ומסיבת לחיים, צוזאמען מיט הגה"צ האב"ד שליט"א באגלייט פון די ראשי הקהילה נדיבים און עסקנים פון דאהי און פון קרית יואל, ווי עס האט זיך אנגעזען א הערליכער אויבן אן ווען עס האבן זיך באטייליגט לרגל המאורע אלע רבני העיר, מורי הוראה און א שיינער ציבור פון אנשי שלומינו מחשובי תושבי עירינו כ"י.

אצינד אום חודש ניסן האט מען געגאסן דעם בור הטבילה פאר די מקוה, און די ענדגילטיגע קאנסטראקציע פאזע קומט צו א שלוס מיט די פרעכטיגע מקוה מפוארה וואס ווערט באנייט אין די וואכן.



# 'סליעפ אין' האטעל ווערט הערליך איינגעריכט צו אַקאָמאַדירן היימישע געסט

דער אלעמען באקאנטער Sleep Inn האטעל, וואס געפינט זיך אויף רוט 208 קארנער מאונטן ראוד, איז אדורך במשך דעם ווינטער א געבענטשטע טראנספארמאציע, ווען ס'איז אויפגעבויעט געווארן — ביי דער זייט פונעם האטעל - א הערליכער שמחה זאל פון 4,000 סקווער פיס, מייעסטעטיש באצירט מיט די לעצטע עלעגאנטע און מאדערנע דיזיינס—געאייגנט צו סערווירן דעם היימישן קלייענטעל פון דאהי און פון דרויסן, אידן וואס קומען





אהער אויף שמחות, שבתים, און משפחה-פארברענגען. באַזונדער איז אויפגעבויט געווארן א מקוה מפוארה לתועלת הרבים, צו פארזיכערן אז דאס פלאץ איז איינגעריכט מיט אלע צוגעהערן בתכלית הכשרות.

די שפאגל נייע איינריכטונגען איז א פאסיגע ענטפער צו דעם וואקסנדן פארלאנג פון גרעסערע משפחות וואס קוקן ארויס צו פראווען א היימישן שבת אדער פארברענג אין א געשמאקע אטמאספערע. דאס טוט אויך ערפילן א שטארקן פארלאנג אין דער ביזנעס וועלט, וואו מ'דארף אפט אפהאלטן קאנפערענצן און קלענערע עקספאו-שאוס, וואס געדויערן א טאג-צוויי, און ס'האט אויסגעפעלט דערצו א גענוג גרויסער זאל, מיט א דערנעבענדן מאטעל אז ביזנעס קאלעגעס פון אנדערע געגנטער זאלן האבן וואו איבערצושלאפן מיט א רואיגקייט.

עס איז שוין דעם ווינטער אפגעהאלטן געווארן אין דעם נייעם זאל עטליכע שמחות, שבע ברכות, ווי אויך פאלטישע פארזאמלונגען וכדו', און אלע האבן באוואונדערט דעם נייעם הערליכן זאל בתוככי עירנו בלומינג גראוו, וואס שליסט זיך אן אלס נאך א רינגעלע אינעם הערליכן קייט פון הרחבת הגבולים.

אין א באזונדערע נאטיץ ווערט געמאלדן, אז דער האטעל וואס

אקאמאדירט אצינד 82 צימערן, האט אצינד פלענער ארויפצוציען נאך א שטאק אין דער צוקונפט. ווי אויך וועט אין צוגאב צוגעלייגט ווערן, אויסער די פילע פארקינג-פלעצער וואס זענען שוין דא, נאך פרישע 80 פארקינג-פלעצער, וואס איז ספעציעל צוגעשטעלט פאר די געסט וואס קומען בלויז צום זאל.

**ופרצת ימה וקדמה!**







## טאון סופערווייזאר פראבירט נאכאמאל דורכצופירן העסליכן "פן ירבה" שטייער געזעץ

און צום דריטן מאל: דער טאון און בלומינג גראוו סופערווייזאר - וואס איז ווי באקאנט געווען פון די ארגינעלע גרינדער פונעם היגן ווילעדזש און פון די קליקע ארכיטעקטן פונעם "פן ירבה" פלאן אז חרדי'ישע אידן זאלן נישט קענען זיך ציען אַהער - האט במשך דעם פארפרוירענעם קאלטן ווינטער, אין א געמיינעם און נידריגן שפיצל, אריינגעשטופט אין די לעצטע מינוט - אין פארעם פון אזא שטילע אקציע - בשעת דעם געוועגליכן 'באורד מיטינג, א שטאנדהאפטיגע רעזאלוציע קעגן דעם אידישן וואוקס, וואס איז בכלל נישט געווען פון פאראויס אויף די אגענדע, ער האט דאס נישט געמאלדן פון פאראויס פאר די טאון באורד מעמבערס, ווי געוועגליך איינגעפירט, און ווי אויך האט ער עס נישט פובליצירט פארן פובליקום בעפאר די מיטינג, ווי עס פארלאנגט זיך.

נאכ'ן זיך דערוויסן אז דער היימישער טאון קאונסילמאן, מו"ה ר' אלימלך שמשון שוואַרץ הי"ו וועט נישט אנטיילנעמען אין דער באורד מיטינג יענע וואך, האט דער טאון סופערווייזאר שנעל ארויפגעברענגט נאכאמאל דעם אלטן באוואסטן דיסקרימינירדן "קאמיוניטי פרעזערוועישאן פאנד" ביל, וואס בארעכטיגט דעם טאון צו בעטן פון די געזעץ געבער אין אלבאני אז זיי זאלן נאכאמאל פרעזענטירן א "האום רול" געזעץ פארן גאווערנאר, וואס זאל איינמאל פאר אלעמאל באשטימען מהיום והלאה א פרישע 'טרענספער שטייער' אויף יעדע איינציגע ריעל עסטעיט טראנזאקציע אינעם גאנצן טאון.

'קאמיוניטי/לאנד פרעזערוועישן' איז א מהלך וואס איז אנגענומען אין די דארפישע געגנטער מער אפסטעיט, און איז איינגעפירט אין געוויסע מוניציפאליטעטן פאר דעם בלויזן ציל צו פרעזערווירן "בלעק דירט פארמלאנד", אבער ליידער איז עס אין די פארגאנגענע יארן פרובירט געווארן גענוצט צו ווערן לאקאל דורך דעם טאון אויף א געמיינער באהאלטענער דיסקרימינאציע מיטל, צו פרובירן אויסצוכאפן און אפצוקויפן שטחים לאנד וואס איז קיינמאל נישט געווען קיין פארם, און די ערד דערפון איז אויך נישט מסוגל דערצו, מיט אן דירעקטן ציל צו דיסקרימינירן און אפצוהאלטן אחינו בני ישראל פון צו קענען קויפן די שטחים און עווענטועל בויען דארט דירות אדער ביזנעסער פאר אידן. די איינקונפט פון דעם פרישן טעקס וואלט געווארן ספעציעל געווידמעט פאר א פאנד וואס וועט פון דעם געלט אויסקויפן וואס מער גרעסערע ליידיגע שטחים אינעם טאון.

דער שטייער באדייט א שאדן פון שווערע הונדערטער טויזנטער דאלאר פאר אלע שטייערצאלער דאהי, ובפרטיות פאר אחינו בני ישראל ביי יעדע קלאויזינג אין דער אקטיוועך ריעל עסטעיט מארקעט, אויסער וואס וואלט געשטערט דער ווייטערדיגער בליה און וואוקס פונעם גאנצן אומגעגענט.



TOWN BOARD MEETING DECEMBER 16, 2025 PAGE 8

**RESOLUTION AUTHORIZING HOME RULE REQUEST ON BEHALF OF THE TOWN OF BLOOMING GROVE REGARDING COMMUNITY PRESERVATION PLAN & FUND – CONT.**

**WHEREAS,** the Town desires to establish a Community Preservation Fund and to have the ability impose a real estate transfer tax with revenues therefrom to be deposited in said community preservation fund; and

**WHEREAS,** the ability of the Town to impose such transfer tax requires a Home Rule request to the NYS Senate and Assembly in order to enact legislation empowering the Town to impose such transfer tax and direct such revenues therefrom to the Town's Community Preservation Fund; and

**WHEREAS,** the Town Board desires to express its support of a Bill to accomplish the Town's objectives and to communicate its request for such Home Rule legislation.

**NOW THEREFORE BE IT RESOLVED** that:

Section 1. The above "WHEREAS" clauses are Incorporated herein by reference.

Section 2. The Town Board of the Town of Blooming Grove hereby authorizes the Town Supervisor and Town to take any and all actions necessary to facilitate introduction of a legislative bill in the New York State legislature to pursue a Home Rule request authorizing the Town to establish a Community Preservation Fund and to impose a transfer tax to direct revenues to the Community Preservation Fund.

Section 3. The Town Supervisor, and any officer, employee or consultant, as directed by the Town Supervisor is hereby authorized to take any and all actions necessary to carry out the provisions of this resolution.

Section 4. This Resolution shall be effective immediately.

On a motion by Councilwoman Gregg-Acevedo, seconded by Councilwoman Kiernan, the question of the adoption of the foregoing resolution was duly put to a roll call vote which resulted as follows:

**Vote of the Board: Coun[illegible] Councilman Malloy - Aye, Councilwoman Kiernan - Aye, Councilman Schwartz - Absent, Councilman Stegenga - Aye, Councilman Amante - Aye, Sup[illegible]**

עס איז וויכטיג צו באטאנען אז דער טאון סופערוויזאר האט שוין פרובירט דורכצופירן דעם שטייער 'צוויי מאל' אינעם עבר, און עס איז יעדעס מאל עקסטער הילכיג וועטאאירט געווארן דורכ'ן גאווערנאר יר"ה ווען די געזעצגעבער אין אלבאני האבן קלאר איינגעזען אז דאס איז בלויז געצילט צוליב דעם אלטן שרעק פון "פן ירבה" אנטקעגן דעם חרדיש'ן ציבור.

די יו.דזשעי.סי. דערוואוסנדיג זיך פון דעם געמיינעם לעצט מינוטיגן אקט, האט תיכף ומיד זיך אריינגעלייגט אין דעם נושא און זיך פארבינדן מיט דעם שטאב פון ערפארענע אדוואקאטן און פאליטיקאנטן אזויווי אינעם עבר, אז בעזרת השם יתברך זאל זיין וחוט המשולש לא במהרה ינתק, און דער ביל זאל אויך נישט אדורך גיין בסייעתא דשמיא.

צו די זעלבע צייט קוקט די יו.דזשעי.סי. אריין אין א לאוסוט אנטקעגן דעם טאון פאר'ן ווידעראמאל פרובירן צו נוצן די באקריוודענדע און דיסקרימינירנדע טאקטיקן וואס צילט ספעציפיש אנטקעגן דעם היימישן ציבור.

לא ירעו ולא ישחיתו בכל הר קדשי!

## בשורה טובה ומשמחת!

# די סיידוואלק פאנדינג איז אפיציעל באשטעטיגט!

מיט אַ געוואַלדיגע צופרידנהייט איז אויפגענומען געוואָרן דורך אַלע תושבים די פריידיגע אנטוויקלונג, אז בעזרת השם יתברך און נאך די לענגערע שתדלנות צוזאַמען מיט אונזער געערטן קאנגרעסמאן פעט רייען, זענען די פאָנדן פון איבער צוויי מיליאן דאלער ב"ה באשטעטיגט און אפגעשטימט געווארן צו קענען צושטעלן סיידוואלקס פאר די זיכערהייט און באקוועמליכקייט איינוואוינער דאָהי אין שטאָט, אַלץ אַ טייל פון דעם גרויסן פעדעראַלן ביל וואָס איז אַריבערגעגאַנגען אינעם סענאט און איז שוין אפיציעל אונטערגעשריבן געווארן דורך פרעזידענט טראמפ ירום הודו!

**וואס זענען די קומענדיגע שריט?**

- **אויסוואל פון גאסן:** די ווילעדזש וועט באשטימען וועלכע גאסן גייען ווערן איבערגעמאכט, געוואנדן אין די געגנט און ארומיגער צושטאנד פון די ראודס, און ווי עס פריער וויכטיג צוצושטעלן פאר די זיכערהייט פון די פילע הונדערטער איינוואוינער.
- **דעזיין און אינזשענירונג:** די ווילעדזש אינזשענירן וועלן אנגרייטן א פלאן פאר די ארבעט וואס נעמט אויך אריין דאס אויסברייטערן די ראוד, נייע דרעיניזדש ליניעס און קעטש בעסינס פאר אפלויף, און ווי אויך צולייגן אדער ארומרוקן פייער היידרענטס און סטריט לייטס.
- **בוי-בודזשעט:** מען וועט נאכדעם צונויפשטעלן א פונקטליכן בודזשעט פאר די גאנצע ארבעט.
- **ארויסגיין אויף בידס:** איינמאל דער בודזשעט איז גרייט וועט מען ארויסלייגן דעם פראיעקט "ביד פעקעדזש" אויסצוזוועלן די בעסטע קאנטראקטארס און פרייזן.

ווי נאר די פראצעדורן ווערן פארטיג, וועלן מיר מעלדן א גענויעם סקעדזשועל ווען מען הייבט אן פאקטיש בויען בשעה טובה ומוצלחת.



## הערכסט פראדוקטיווע מיטינג אפגעהאלטן מיט די נייע DOT Region 8 דירעקטאר

אינערהאַלב די סטעיט קאָרידאָרן איז פארגעקומען א פראדוקטיווע זיצונג צווישן די ווילידזש באאמטע און די נייע דירעקטאר פון 'ניו יארק סטעיט דעפארטמענט אוו טראנספארטאציע' (DOT) פאר Region 8, וועלכע איז לעצטנס נאמינירט געווארן צו די פאזיציע דורך די סטעיט קאמישאנער.

די דאזיגע Region אפטיילונג פירט אן מיט אלע סטעיט הייוועיס און בריקן איבער גאנץ אראנדזש קאונטי און א גרויס חלק פון די האדסאן וואלי.

ביי די זיצונג האבן די ווילידזש באאמטע פארגעשטעלט א ברייטע און לאנגטערמיניגע וויזיע אויף די צוקונפט פון דעם רוט 208 קארידאר. מען האט דורכגעשמועסט די גרויסארטיגע פלענער אויסצוברייטערן דעם 208 פון ביידע זייטן, אריינגערעכנט פרישע טראפיק ליניעס, שאולדערס, טראפיק לייטס, ראונד-אבאוטס, קראסוואלקס און סיידוואלקס מיט באלייכטונג.

דער ציל איז פילפאכיג, סיי צו מאכן דעם ראוד זיכערער פאר קארס און פוסגייער, פארזיכערן א פראקטישן און געשמירטן טראפיק פלוס אפילו מיט א פארמערטע צאל קארס אן קיין אפשטעל, און אויך צו געבן א היפשן שטופ פארן עקאנאמישן וואוקס אין דעם געגנט, מאכנדיג דעם צוטריט פיל גרינגער צו די פילע עקזיסטירנדע און צוקונפטיגע געשעפטן און אפיסעס און דעוועלאפמענטס.

די נייע דירעקטאר האט אויסגעדריקט א ספעציעלע צופרידנהייט מיט די פראגרעסיווע ארבעט וואס די ווילידזש האט שוין באוויזן צו טאן. פון די טראפיק שטודיעס ביז די אויסנאמליכע קאאפעראציע פון די היגע פראפערטי אייגענטומער וועלכע האבן רובם ככולם שוין אונטערגעשריבן די נויטיגע דאקומענטן צו איבערגעבן די פארלאנגטע 30 פיס לאנד אויף ביידע זייטן פונעם ראוד, וואס א דאנק דעם האלט שוין דער פראצעדור ביי א פיל ווייטערע שטאפל.

מען האט שוין באשטימט א נאכפאלגנדיגע זיצונג אויף תיכף נאך פסח, וואו די אינזשענירן פון סיי די DOT און סיי די ווילידזש וועלן זיך צונויפזעצן צו פלאנירן דעם גרויסן "קאנצעפט" לפרטי פרטים. דאס וועט ערמעגליכן צו צוטיילן דעם ריזן פראיעקט אין קלענערע פאזעס און אנהויבן מיט די נויטיגע שטודיעס און בודזשעט ארבעט.



### הרחבת גבולי הקדושה

## איילענד עסטעיטס דעוועלאָפּמענט שפּאַנט פּאָראויס נאָכ'ן ערהאַלטן 'סייט פלען' עפּראוועלס

דער גראנדיעזער איילענד עסטעיטס דעוועלאפמענט האט דעם פאַרלאָפענעם ערב שבת שירה ערהאלטן סייט פלען עפראוועלס פון די ווילעדזש פלענינג באורד פאר די ערשטע פאזע 240 דירות.

דער פראיעקט קומט אויך מיט א שפע פון וואסער דורכדעם וואס די דעוועלאפער שטעלן צו זייערע קוועלער צום באנוץ פון די ווילעדזש איינוואוינער וואס ברענגט צו איבער א האלב מיליאן גאלאן וואסער פער טאג צום ווילעדזש וואסער סיסטעם.

דער פראיעקט געפונט זיך אויף סטעיט ראוט 208 הארט אונטערן איילענד טיים שאפינג צענטער וואס האלט אצינד אין די ערנסטע פאזעס צו פארענדיגט ווערן בשעה טובה ומוצלחת.

איילענד עסטעיטס רוקט זיך אצינד פאראויס צום פערמיט שטאפל בכוחו ובזכותו של אותו זקן מרן רביה"ק זי"ע בשעה טובה ומוצלחת.



# מעכטיגער זיג פאַר'ן ווילידזש און סאוט בלומינג גראָוו און היימישע דעוועלאפערס פון שכונת דברי חיים!

בר ישראל דאית ליה דינא, לימצי נפשיה באדר - דבריא מזליה

דעם פאַרלאָפענעם חודש אדר האָט מען אָפּגעאָטעמט מיט דערלייכטערונג, ווען דער ריכטער האָט ב"ה ארויסגעווארפן די קלאגעס וואס זענען אריינגעטראגן געווארן דורך דעם אלעם באקאנטן טרויעריג בארימטן טאון סופערווייזאר, אינאיינעם מיט נאך שכנים וואס זוכן שוין קרוב צו צוויי צענדליגער יאר צו באקריוודען דעם היימישן ציבור דורכן פרובירן איינצוימען דעם אידישן וואוקס, סיי בעבר אינעם ווילעדזש און ספעציעל אצינד אינעם טאון פאזיציע.




אויס שרעק פונעם אלטן 'פן ירבה' זארג, האט דער טאון פאר צוויי יאר צוריק געקלאגט אין געריכט די סטעיט ענווייראנמענטאל דעפארטמענט (DEC) אינאיינעם מיט'ן ווילידזש און די דעוועלאפערס מיט א גרויסן "היתכן" אז מען האט געגעבן פערמיטן פארן פראיעקט, און נאך פילע טענות איבער מכלומר'שטע שאדנס באזירט אויף הינקעדיגע השערות און אומבאלומפערטע טענות, פון שלענג ביז פלעדערמויזן, וואס דער איינציגער מסקנא וואס סיי וואסערע רעכטדענקנדער פארשוין קען דערפון ציען איז, אז דאס איז א דעוועלאפמענט וואס וועט פאטענציעל ברענגען דירות פאר אחינו בני ישראל.

דער ריכטער האט קלאר געשטעלט אז "שקר אין לו רגלים"; זייערע טענות זענען באזירט אויף אויפגעבלאזענע שרעק און פארלאנגען פאר שאדן פארגיטוגונג אן קיין שום קיין דעקונג, די טענות האבן נישט קיין האפט און נישט שטאנד ("סטענדינג"), און דערביי צוריקגעוויזן און ארויסגעווארפן די קלאגע. און בעזרת השם יתברך איז דערמיט געגעבן געווארן דער "גרינער ליכט" פאראויסצוגיין מיט'ן פראיעקט מיט'ן פולן שוואונג!

ווי שוין דערמאנט אין די שפאלטנס פון 'דער שטימע' אז דער זעלבער טרויעריג בארימטער סופערווייזאר איז געווען פון די הויפט פלאנירער און ארכיטעקטן מיט צוואנציג יאר צוריק ביים גרינדן דעם ווילידזש, - נאכדעם וואס די דעוועלאפערס פון שכונת דברי חיים האבן אפגעקויפט דעם שטח אום תשס"ו, - מיט איין פלאן אין קאפ: פרובירן וואס אימער מעגליך אפצושטעלן דעם חרדי'שן וואוקס דאהי'...

אבער ברוך השם, עס איז מקוים געווארן דער "כן ירבה". וואו מען גייט און ווי מען שטייט נאר היינט אין בלומינג גראוו זעט מען די הערליכע פריחת גבולי הקדושה ברוחניות ובגשמיות, כה יתן ד' וכה יוסיף להרחיב גבולי הקדושה להגדיל תורה ולהאדירה ולנצח על מלאכת בית השם.

**ונבנתה עיר על תילה!**

ביטע טעקסט צו:
845.237.4828
אייער סעל נומער
און אימעיל אדרעס

זייט אינפארמירט!
זיך אויפצוסיינען צו באקומען די
יו. זשעי. סי. טעקסט, אימעיל, און
טעלעפאן אלערטס און אפדעיטס

# VILLAGE SHUTTLE SCHEDULE

Village of South Blooming Grove — Department of Transportation — TRANSIT SERVICE

## KIRYAS JOEL

Starting point: Shooping Center

**Drop off & Pick up**

- Karelsurg Cor. Mountain
- Forest Cor. Mountain
- Shoping Center
- Rimeniv Cor. Stropkov
- Meron (Drubidge)
- Business Center
- Bakertown Cor. Isreal Zupnick
- Bakertown Cor. Acers - Icon
- Acers Cor. Lemberg
